פרשת אחרי-קדושים, י"ב אייר תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון ע"ד

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות..........................7:30
מוצאי שבת..................................9:02

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## א מעשה פון תפלה

### יואל לאנדא

א) אויפן וועג צום בית המדרש איז דא צוויי גרויסע שווארצע הינט וואס קומען ארויס און זיי גייען מיר נאך, איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל נישט ארויס קומען און מיר נישט נאכגיין, שכח אייבערשטער אז ס'איז שוין דורך א לאנגע צייט וואס די צוויי הינט זענען שוין נישט ארויסגעקומען.

ב) שביעי של פסח ביינאכט נאכן סעודה איז מען זיך צאמגעקומען אין בית המדרש צוזאמען מיטן ראש ישיבה שליט"א, איך האב אפגעשמועסט מיט איינע פון מיינע שכינים זיך צו טרעפן ביים ווינקל פונעם גאס און מען וועט גיין צוזאמען אין די טונקל ביזן בית המדרש, איך קום אן אהין אבער קיינער איז נישט דארט, איךווארט אביסל אבער קיינער קומט נישט אן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל שוין אנקומען ווי שנעלער, גלייך איך ענדיג בעטן זעה איך איינער קומט צו גיין, נישט דער אינגערמאן מיט וועם איך האב אפגעשמועסט, נאר א צווייטער אינגערמאן. שכח אייבערשטער!

### ישראלי סאמעט

איין טאג באמערק איך אין מיין שלאף צימער ווי עס טראפט אריין וואסער פונעם וואנט נעבן די פענסטער, איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן ס'זאל נישט אריין טראפן קיין וואסער, ס'איז דורך א שטיק צייט און ס'האט נאך ווייטער אריין געטראפט וואסער, עס איז געקומען צו א מצב וואס איך האב שוין נישט געקענט נוצן יענעם צימער, איך האב געמוזט גיין שלאפן אין א אנדערן צימער - ווייל דארט האט אנגעהויבן שמעקן פון שימל, איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל נישט אריינרינען קיין וואסער, און איך זאל קענען האבן די מעגליכקייט איבערצומאכן דעם גאנצן וואנט פון די שאדן וואס די וואסער האט אנגעמאכט.

איין נאכט איז געווען גאר שטארק ווינטן אין שטעטל, אינמיטן די נאכט הער איך א זעץ, איך לויף ארויס פון בעט, איך געב א קוק אריין אין מיין שלאף צומער און איך זעה א בוים האט אראפגעטראסקעט אויף מיין וואנט (דארט וואו עס רינט אריין וואסער), שוין האב איך געזעהן די נס וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט מיר אז איך בין נישט געשלאפן אין יענעם צימער בשעת די בוים איז אראפגעפאלן - וועגן ס'האט אריינגעטראפט וואסער. אינדערפרי האב איך מיך פארבינדן מיט די אינשורענס קאמפאני, שכח אייבערשטער אז זיי האבן מיר באצאלט איך זאל איבערמאכן דעם גאנצן וואנט, אזוי איז שוין אויך געווארן פארראכטן די פראבלעם מיט די וואסער וואס פלעגט אריין רינען. שכח אייבערשטער !!

## נייעס אין שטעטל

### ברכת האילנות אין שטעטל

יעצט ווען די ביימער הייבן אן שפראצן האבן חז"ל אויפגעשטעלט א ספעציעלע ברכה וואס מען זאגט; די קינדער פון תלמוד תורה האבן זיך ארויסגעלאזט צוזאמען מיט די געטרייע מלמדים צו א פרוכט בוים ווי מען האט שוין געקענט זעהן אז די פרוכט הייבן אן שפראצן, די מלמדים האבן שיין מסביר געווען פאר די קינדער אז יעצט ביים אנהייב קען מען נאך קוים באמערקן די פירות וואס גייט ארויס וואקסן, און עס לאזט זיך ממש נישט גלייבן אז פון דעם גייט ארויס קומען פרוכט, אבער א חודש צוויי ארום גייט פון דעם ארויס קומען גאר שיינע פירות - פון וואס מען וועט קענען עסן און הנאה האבן פון דעם אייבערשטנ'ס בריאה.

דערנאך האט מען צוזאמען געמאכט די ברכה אויף די ביימער, און אלע קינדער האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז דאס יאר זאל וואקסן פיינע געשמאקע פרוכט.

נאכן ענדיגן מאכן א ברכה אויף די ביימער איז מען אריבערגעגאנגען צו איינע פון די איינוואוינער אין שטעטל וואס האדעוועט טשיקעלעך - פון וואס די קינדער האבן זיך מחיה געווען צו זיין דארט, מען האט געוויזן פאר די קינדער וועלכע טשיקן ס'איז כשר צו שחט'ן און עסן און וועלכע נישט.

אויך די קינדער פון בית פיגא סקול האבן זיך ארויסגעלאזט אויף א טריפ צו גיין מאכן א ברכה אויף די ביימער, די באס איז געקומען אויפנעמען די קינדער און זיי אפגעפירט אין שטעטל ביי איינע פון די איינוואוינער וואס האט ביי זיך א פרוכט בוים.

מען האט אויסגעטיילט א צעטל מיט די ברכה פאר אלע קינדער, אלע קינדער האבן צוזאמען געמאכט די ברכה, און דערנאך געבעטן דעם אייבערשטן אז אלע אידן זאלן האבן גאר גוטע פרוכט דאס יאר.

דערנאך איז מען אריבער געגאנגען צום שטוב פון משפחת היילפרין שיחיו, ווי מען האט אויסגעטיילט דארט לאנטש פאר אלע קינדער, אויך האט מען דארט פארברענגט א שטיק צייט גאר געשמאק, דערנאך איז מען צוריק געפארן אין סקול צוענדיגן די לימודים.

### א פיש סטאר אין שטעטל

גאר גוטע נייעס קומט אריין מיטן עפענונג פון א פיש סטאר ביי אונז אין שטעטל.

איינע פון די חשובע איינוואוינער האבן געזעהן די פארלאנג וואס ס'איז דא צו האבן א אייגענעם פיש סטאר, וואס וועט זיין גרייט ספעציעל צו סערווירן די חשובע איינוואוינער פונעם שטעטל, ער האט אנגעפרעגט דעם ראש ישיבה שליט"א דערוועגן, און דער ראש ישיבה שליט"א האט אים זייער געשטופט ער זאל עפענען, אויך האט אים דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן הדרכה און געזאגט ער זאל זעהן צו עפענען דעם פיש סטאר אן קיין שותפות, נאר אליין זיין דעם בעל הבית דערפון - אזוי ווי מוהרא"ש פלעגט אונז לערנען.

צו באשטעלן אייער ארדער רופט אריין יעדע וואך ביז דינסטאג נאכט און מען וועט אייך צושטעלן אלעס וואס איר דארפט .845-213-9723

יעצט וועט נאר זיין צו באשטעלן די ארדער אויפן טעלעפאון, מען ארבעט צו קענען האבן א לאקאלע סטאר ווי מען וועט קענען אריינקומען אין סטאר און אויסוועלן וואספארא פיש מען וויל לויט די אייגענע געשמאק.

**להתענג בתענוגים ברבורים ושליו ודגים.**

מען מאכט א ברכה אויף די ביימער





# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט״א

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳, אִסְרוּ חַג, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

... תְּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בַּיִת פֵיגֶא בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט צִי מֶען מֶעג לֵיינֶען שַׁבָּת פוּן מִלְחָמוֹת; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס פַאר אַ מַעֲשִׂיּוֹת. מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הִיסְטָארְיֶע פוּן דִי אִידִישֶׁע פָאלְק וָואס בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִידְן, וָואס אִיז גֶעפְלָאכְטְן מִיט עוֹבְדוֹת פוּן צַדִּיקִים - דָאס מֶעג מֶען לֵיינֶען שַׁבָּת, אוֹיךְ נָאר אוֹיבּ מֶען וֶוערְט נִישְׁט בְּצַעַר פוּן דֶעם, וַוייל **שַׁבָּת טָאר מֶען נִישְׁט זַיין בְּצַעַר.**

זֶע צוּ לֵיינֶען מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אוּן צִדְקָנִיּוֹת; דָאס וֶועט אַרַיין גֵיין אִין דַיין הַארְץ אוּן וֶועט אוֹיפְפְלַאמֶען דַיין הַארְץ אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ וֶועלְן זַיין אַ צַדֶּקֶת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רמח): ״**דַּע שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד**״, וְויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, ״**כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד**״, וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט אוֹיפְגֶעפְלַאמְט דָאס הַארְץ, מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע בֶּענְקֶענִישׁ צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶוען מֶען הֶערְט וִוי דֶער צַדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, דוּרְכְדֶעם וִויל מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם אוּן וֶוערְן אַ צַדִּיק. **דָאס זָאלְסְטוּ לֵיינֶען וֶוען דוּ הָאסְט אִיבֶּעְרִיגֶע צַייט.**

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֵיינֶען דִי בְּרִיוו פוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִין אִידִישׁ וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶע צַדֶּקֶת; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט: ״**דֶער סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס**״; מֶען קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן נָאךְ אַ סֵפֶר וָואס זָאל זַיין אַ שְׁטִיק גֶעטְלִיכְקֵייט וִוי דֶער סֵפֶר; וואוּ מֶען עֶפְנְט נָאר אוֹיף דֶעם סֵפֶר, יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע בְּרִיוו זֶעט מֶען דִי לוֹיטֶערֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן **מֶען הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין מְסַיֵּם גֶעוֶוען תְּהִלִּים דִי נַיינְטֶע מָאל; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שֶׁענֶערֶע זַאךְ פַאר אַ יוּנְג מֵיידְל וִוי זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג. אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן; **זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן תְּהִלִּים וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.**

שְׁרַייבּ מִיר יֶעדֶעס מָאל וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט תְּהִלִּים וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ׳ זַיין.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי ב׳, אִסְרוּ חַג, כ״ג נִיסָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבָה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

וְויסְן זָאלְסְטוּ אַז **יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט אִין יְשִׁיבָה**, אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְ׳ן רֵיינִיגְן, מְסַדֵּר זַיין, פַארְרֶעכְטְן וְכוּ׳, וְכוּ׳ **וֶועט דִיר בְּלַייבְּן פַאר אַן אֵייבִּיגֶע זְכוּת.**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:): ״**גְּדוֹלָה שִׁמּוּשָׁהּ יוֹתֵר מִלִּמּוּדָהּ**״, וֶוען מֶען אִיז מְשַׁמֵּשׁ אַ צַדִּיק אִיז דָאס אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה פוּנֶעם צַדִּיק; וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז מְשַׁמֵּשׁ דֶעם צַדִּיק וֶוערְט מֶען אַ כְּלִי לְקַבֵּל דִי יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דִי שֵׂכֶל פוּנֶעם צַדִּיק.

דָאס וָואס דוּ טוּסְט הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן לַאנְגֶע יָארְן, סֵיי אַלְץ בָּחוּר בַּיי מַיין זֵיידֶע; **אִיךְ הָאבּ לַאנְגֶע יָארְן גֶעוַואשְׁן דֶעם בַּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן מְסַדֵּר גֶעוֶוען דִי סְפָרִים**, אַזוֹי אוֹיךְ פַארְרָאכְטְן אוּן אַלֶעס גֶעטוּן פַארְ׳ן בַּית הַמֶּדְרָשׁ. אוֹיךְ וֶוען אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי׳ן אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען אִין בַּית הַמֶּדְרָשׁ ״הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ״ אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג פְלֶעג אִיךְ מִיט ... נֵרוֹ יָאִיר **יֶעדֶע וָואךְ וַואשְׁן לִכְבוֹד שַׁבָּת דֶעם בַּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן דִי בַּית הַכִּסֵּא׳ס**, וְכוּ׳ וְכוּ׳; קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעבֶּעטְן דָאס צוּ טוּן אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוְויסְט אַז מִיר פְלֶעגְן דָאס טוּן פַאר לַאנְגֶע יָארְן. **מִיר הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט וִוי מִיר טוּעֶן דִי עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִשְׁנָה תָּמִיד ב, ב): ״**מִיָּמָיו לֹא נִתְעַצֵּל הַכֹּהֵן מִלְּהוֹצִיא אֶת הַדֶּשֶׁן**״, עֶס הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַּאסִירְט אַז מֶען זָאל דַארְפְן בֶּעטְן דִי כֹּהֲנִים זָאלְן רֵיינִיגְן דֶעם מִזְבֵּחַ.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן שֵׁיין מַאכְן דִי יְשִׁיבָה, חֵדֶר אוּן מֵיידְל סְקוּל, **הֶעלְף מִיר אוֹיפְשְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת** וואוּ מִיר זֶענֶען מְחַנֵּךְ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה. אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּטֶע שִׁידּוּךְ.

זַיי מִיר מוֹדִיעַ יֶעדֶע סִיּוּם וָואס דוּ מַאכְסְט; מַיין גַאנְצֶע חַיּוֹת אִיז צוּ הֶערְן פוּן נָאךְ אַ תַּלְמִיד אַז עֶר לֶערְנְט אוּן אִיז מְסַיֵּם מַסֶּכְתָּא נָאךְ מַסֶּכְתָּא.

**פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.**

## מוהרא״ש זאגט: א וואך וואס מ׳איז נישט מעביר סדרה.

ווועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?

א) איז מען נישט אפגעהיטן פון עבירות
ב) וועט מען האבן עפעס א שאדן
ג) וועט מען נישט האבן קיין נחת פון די קינדער.
ד) פארלירט מען די חשק צו לערנען




חידות אפטיילונג

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז אליעזר שלמה אינדיג נ״י

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

ענטפערס פון פאריגע וואך

וועט לעבן לאנג



סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

סענדי ראטה נ״י וזוגתו רייזל תחי׳

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט.



KB Landscpaing



אזוי ווי די זומער סעזאן איז שוין דא, און מען דארף שוין אנהייבן טראכטן פון שניידן גראז, קומט אריין די גאר גוטע נייעס פונעם עפענען פון א לענדסקעפינג קאמפאני אנגעפירט דורך אונזער חשובער חבר האברך אשר בער אינדארסקי הי״ו
וואס וועט שטיין גרייט צו באדינען די איינוואוינער מיט אלע לענדסקעפינג געברויכן וואס פעלט נאר אויס.
צו באשטעלן רופט שוין
347-997-2348



זיכט איר צו קויפן אדער ליעסן א
קאר / ווען / פיקאפ טראק

רופט היינט
Hurleyville Leasing
845-720-0041
יענקי יאקאבאוויטש - יקותיאל פעלדמאן

HURLEYVILLE LEASING
AUTO SALES & LEASING
845.720.0041
SALES@HURLEYVILLELEASING.COM